RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N. Y. 11213

Hyacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

FREE RENDITION

By the Grace of G-d
24th of Adar I, 5733
Brooklyn, N.Y.

To All Participants in the
Annual Governors' Dinner of the
Yeshiva Tomchei-Tmimim
Montreal, Que.

Greeting and Blessing:

I was pleased to be informed that the Annual Dinner will take place on the 9th of Adar II -- the historic day when my father-in-law of saintly memory arrived in the U.S.A. thirty three years ago.

As is known, my father-in-law, the Rebbe, declared immediately upon arrival, that it was not for his own sake that he came to America, but that Divine Providence had led him to these shores "in order to make America, with G-d's help, a center of Torah with Yiras Shomayim in the spirit of Tomchei-Tmimim Lubavitch."

After all these years that elapsed since that day, it is surely appropriate to take stock of the accomplishments, and there is certainly reason to be gratified.

However, with all that has been achieved, if we look into what is happening around us, and how many Jewish children and youths are still groping in the dark, waiting for someone to extend a helping hand to them and guide them out of the darkness into the light of the Torah and Mitzvoth -- one cannot help feeling regretful at the thought that, after all that has been accomplished, much more should have been done. But here there is the danger of shrugging it off with an unseemly thought: 'It's no use crying about the past; it's too late to do anything about it. Let's, at any rate, see to it that we do a good day's work each day in the future."

The fact is that for Jews there is no such thing as "too late." And this is what we are especially reminded about in the current Leap Year, especially in the present intercalated month of Adar.

(Continued)

PHOTO COPY OF LETTER SENT BY
THE 31st. GOVERNORS DINNER OF



The purpose of the Leap Year in our Hebrew Calendar is to make good the deficiency between the Lunar Year (the basis of our calendar) in relation to the Solar Year, in order that our festivals should occur in their due season (Pesach in the spring, etc.). But this also conveys the teaching that a Jew must always strive to make good any deficiency in the past.

Moreover, just as in the case of the Leap Year, the added month does not merely make up the deficiency of past years, but also exceeds it with an "advance" on the future, so must a Jew endeavor not only to make up for the past deficiency, no matter what the reasons were, or how justified they were -- but do so with an "advance" on the future.

I confidently hope that the response of all participants, especially of the honored Governors and active friends of the Yeshiva, will this year be particularly generous, so as together with the Yeshiva truly carry out in a tangible way the aforementioned message of the Leap Year.

Congratulation to you all, and may each and all of you be blessed by G-d with much Hatzlocho, in this undertaking and in general, both materially and spiritually.

With esteem and blessing for
Hatzlocho and good tidings

/Signed: Menachem Schneerson/

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.

HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה, כ"ד אדר א׳, ה׳תשל"ג
ברוקלין, נ.י.

צו אלע אנטיילנעמער אין דער
יערלעכער מסיבה פון די "נציבי
הישיבה" תומכי תמימים ליובאוויטש
אין מאנטרעאל,
ה׳ עליהם יחיו

שלום וברכה:

עס האט מיר געפרייט צו באקומען די ידיעה, אז די יערלעכע מסיבה איז באשטימט געווארן אויף ט׳ אדר שני, דער היסטארישער טאג ווען כ"ק מו"ח אדמו"ר איז אנגעקומען אין אמעריקע מיט 33 יאר צוריק.

ווי באקאנט, האט דער רבי דער שווער, תיכף ביים אנקומען, דערקלערט, אז ניט צוליב זיך איז ער געקומען, נאר אז די השגחה עליונה האט אים געבראכט צו באטרעטן די אמעריקאנער ערד, "כדי, בעזר השי"ת, צו מאכן אמעריקע פאר א מקום תורה ביראת שמים, ברוח תומכי-תמימים ליובאוויטש".

נאך די אלע יארן וועלכע זיינען דורכגעמאכט געווארן זינט יענעם טאג, איז זיכער פאסנד צו מאכן א חשבון, וואס ס׳איז אויפגעטאן געווארן. און זיכער איז דא פון וואס צו זיין צופרידן.

אבער צוזאמען דערמיט, ארומקוקנדיג וואס עס טוט זיך ארום זיך, און וויפל אידישע קינדער און יוגנטלעכע בלאנדזשן נאך ארום אין דער פינצטער, ווארטנדיג אז אימיצער זאל צו זיי אויסשטרעקן א האנט און ארויספירן פון דער פינצטערניש צו דער ליכטיקייט פון תורה ומצוות, שאפט זיך דער פאר-דריסלעכער געפיל, אז ניט קוקנדיג אויף אלע דערגרייכונגען, האט מען דאך געקענט אויפטאן נאך מער. און דא קען איינפאלן א פסול׳ער געדאנק: "וואס געווען איז געוועזן, פארפאלן. לאמיר יעדנפאלס להבא זען, אז יעדער טאג זאל אויפטאן דאס זייניגע".

איז אבער בא אידן ניטא אזא זאך ווי "פארפאלן". און דאס דערמאנט אונז ספעציעל דער (היינטיגער) עיבור-יאר, בפרט אז מיר געפינען זיך אין דעם עיבור-הודש.

דער ענין פון דעם עיבור-יאר איז צו ממלא זיין דעם חסרון פון דעם לבנה יאר (דער יסוד פון אונזער לוח) לגבי דעם זון-יאר, כדי אונזערע ימים טובים זאלן אויספאלן אין זייער ריכטיגער צייט (פסח אין פרילינג, וכו׳). אבער אין דעם איז אויך דא די אנווייזונג, אז א איד דארף ממלא זיין דאס וואס ער האט פארפעלט אין דער פארגאנגענער צייט.

נאכמער, פונקט ווי אין פאל פונם עיבור-יאר, ווען עס קומט צו א גאנצער חודש, איז דאס ניט נאר ממלא דעם חסרון פון די פריערדיגע יארן, נאר אויך מיט א הוספה אויפן חשבון פון די קומענדיגע יארן, אזוי דארף א איד באמיען זיך ניט נאר ממלא צו זיין וואס ער האט פארפעלט - ניט וויכטיג וואס די סיבות זיינען געווען און ווי בארעכטיגט זיי זיינען געווען, נאר מיט א צוגאב אלס אן "אדערויף" אויף דער צוקונפט.

איך וויל האפן, און בין זיכער, אז דער אפרוף פון אלע אנטיילנעמער, בפרט פון די געערטע נציבים און עסקנים, שיחיו, וועט הייאר זיין א ספעציעל ווארעמער, כדי צוזאמען מיט דער ישיבה קענען דורכפירן בפועל ממש די הוראה פונם עיבור-יאר, ווי אויבנדערמאנט.

זייט אלע באגריסט, און געבענטשט פון השם יתברך מיט גרויס הצלחה, סיי אין דער אונטערנעמונג און סיי בכלל, בגשמיות וברוחניות גם יחד.

בכבוד ובברכה להצלחה
ולבשורות טובות